**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 30 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן באהאנדלונג אנשטאלטן פאר קינדער און צענערלינגען מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן

***סטעיט-לייסענסירטע איינריכטונגען אפפערן פרייוויליגע פראגראמען צו שטיצן יונגווארג וואס נויטיגן זיך אין אויפן-ארטיגע קעיר***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו טראנספארמירן און פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 30 מיליאן דאלאר וועט צוגעשטעלט ווערן צו שאפן דריי נייע באהאנדלונג אנשטאלטן פאר קינדער און צענערלינגען וואס נויטיגן זיך אין אויפן-ארטיגע קעיר. ווערנדיג פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ( Office of Mental Health, OMH), וועט די אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג העלפן בויען די נייע איינריכטונגען אין ניו יארק סיטי, אין לאנג איילענד און אריבער די האדסאן ריווער ראיאנען און צושטעלן צוגעלייגטע קאפאציטעט פאר יונגווארג אריבער די סטעיט.

"אונזערע קינדער זענען אין קריזיס, און עס איז אונזער ראלע צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די גייסטישע געזונטהייט קעיר און שטיצע וואס זיי דארפן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "באהאנדלונג אנשטאלטן ערלויבן קינדער און צענערלינגען וואס לעבן מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן צו באקומען אינטענסיווע סערוויסעס זיי צו העלפן זיך ערהוילן, זיך צוריקקערן צו זייערע היימער און פירן געזונטע און ערפאלגרייכע לעבנס."

סומעס פון ביז 10 מיליאן דאלאר זענען דא צו באקומען פאר סערוויס פּראָווײדערס וואס האלטן אויף אנשטאלטן אדער פסיכיאטרישע אינפּעישענט פראגראמען פאר יוגנטליכע. די פינאנצירונג קען גענוצט ווערן צו איינקויפן נייע פּראפּערטי, בויען א נייע איינריכטונג אדער איבערבויען עקזיסטירנדע געביידעס צו שאפן א נייע איינריכטונג. יונגווארג וואס ווערן ארייינגעלייגט אין באהאנדלונג אנשטאלטן גייען אפט אין סקול אין אדער נעבן די קאמפלעקס, און זיי ארבעטן טעגליך מיט טרענירטע איינגעשטעלטע זיך צו אויסאיבן מיט די כלים וואס פעהלן אויס זיך צו ספראווען מיט שוועריגקייטן. א פאמיליע-צענטרירטע קעיר פלאן ווערט אנטוויקלט און דאס העלפט פארשטערקערן די קשר פון יונגווארג מיט פאמיליע מיטגלידער כדי זיי זאלן קענען פארברענגען מער צייט אינדערהיים אזוי ווי זיי מאכן פארשריט.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "פריע אינטערווענץ און באהאנדלונג איז באזונדערס וויכטיג צו העלפן קינדער מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען אנקומען צו זייערע ציהלן. באהאנדלונג אנשטאלטן שטעלן צו באהאנדלונג און שטיצע אין די מצבים וועו אַוטפּעישענט און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס זענען נישט גענוג און מער אינטענסיווע הילף איז נויטיג אויף צייטווייליג. די פינאנצירונג שפיגלט אפ גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו די

גייסטישע געזונטהייט פון יונגע מענטשן און צו העלפן יונגווארג און זייערע פאמיליעס זיך שטארקן איבער די שוועריגקייטן וואס זיי שטייען אויס."

גאווערנער האקול האט געלייגט דאס אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט פון יונגווארג א פריאריטעט פאר איר אדמיניסטראציע און אן ארייננגעבויטע עלעמענט פון די 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו פארשטערקערן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם. אלס טייל פון די פלאן האט די סטעיט אינוועסטירט 30 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן די צאל סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס און בארייכערן ארומיגע סערוויסעס פאר יונגווארג. לעצטער חודש האט די גאווערנער אויסגעברייטערט די סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק פראגראם דורכן צושטעלן נאך פינאנצירונג פאר ערשטיגע קאסטן און שאפן אן אנגייענדע אפליקאציעס פראצעדור.

גאווערנער האקול שטעלט אויך צו פינאנצירונג פאר אנדערע קריטישע סערוויסעס פאר קינדער און יונגווארג, אריינרעכענענדיג 10 מיליאן דאלאר פאר זעלבסטמארד פארמיידונג פראגראמען; 7 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן HealthySteps, א פראגראם וואס ארבעט מיט אויפגעוויזענע שיטות צו צוזאמפארן אויפפירונג געזונטהייט פראפעסיאנאלן מיט קינדער-דאקטאריי מאנשאפטן צו צושטעלן גייסטישע און פיזישע העלט קעיר אין די פריע קינדער יארן אין א קינדער מעדיצין פלאץ; און 3.1 מיליאן דאלאר פאר די Comprehensive Care Centers for Eating Disorders (ארומנעמיגע קעיר צענטערן פאר עסן קרענק). דער היים-באזירטע קריזיס אינטערווענץ (Home-Based Crisis Intervention) פראגראם, אן אינטענסיווע אינדיווידואלע סערוויס וואס העלפט פאמיליעס האלטן יונגע מענטשן אינדערהיים, איז אויך אויסגעברייטערט געווארן. צום לעצט — די OMH האט פינאנצירט 30 יונגווארג אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג (Assertive Community Treatment, ACT) מאנשאפטן זינט 2022.

די OMH לייסענסירט יעצט 11 באהאנדלונג אנשטאלטן אריבער די סטעיט. די אנשטאלטן וואו מענטשן ווערן אריינגעלייגט פון די פרייע ווילן שטעלט צו פיזישע, מעדיצינישע און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אונטער אויפזיכט און אין א מסודר'דיגע אטמאספערע אויסגעשטעלט צו פארמינערן אנגעצויגנקייט פון דרויסנדיגע זאכן, און דערמיט ערלויבן זיי די יונגווארג וואס געפונען זיך דארט זיך צו קאנצענטרירן אויף ערהוילונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן